# ארכיוו

אויסגעקליבן פון די אידישע ארכיוון • מגיה געווען • צוויי מאל א וואך

נומער 15 • דאנערשטאג, ל' כסלו תשפ"ז • 10טן דעצעמבער 2026 • פרשת מקץ

וְהִנֵּה שֶׁבַע שִׁבֳּלִים עֹלוֹת בְּקָנֶה אֶחָד בְּרִיאוֹת וְטֹבוֹת

בראשית מא, ה

**אין דעם נומער**

**„צום שיין פון די חנוכה ליכט“**
קרעמער • לכבוד שבת

**גלעזלעך אין א זילבערנער מנורה**
הלכה

**דער שינאווער רב אין ארץ ישראל**
אמת וצדק • אנשי שם

**פארוואס פייערן מיר דאס אויל?**
א שמועס אויף חנוכה

**פרעה'ס חלום און איינשטיין**
פונדעסטוועגדאך • וויסנשאפט

**זאל איך בענטשן ראש חודש טבת?**
רחב רחב • הומאר

# ארכיוו

נומער 15 • דאנערשטאג, ל' כסלו תשפ"ז
10טן דעצעמבער 2026 • פרשת מקץ


**הקדמה**

# ליכט אין דער לאנגער נאכט

טייערע לייענער,

דער נומער קומט ארויס ראש חודש טבת, דעם זעקסטן טאג חנוכה, און דעם שבת לייענען מיר פרשת מקץ – „ויהי מקץ שנתים ימים ופרעה חולם“. פרעה חלומט פון זיבן פעטע קי און זיבן פולע זאנגען, און יוסף, וואס איז צוויי יאר געזעסן אין דער תפיסה, ווערט אין איין טאג דער משנה למלך. דער שבת איז אויך זאת חנוכה, דער אכטער טאג, ווען אלע ליכט ברענען. ממילא גייט דער נומער אויף צוויי וועגן: חלומות און ליכט.

אונזער הויפט־ארטיקל איז „קרעמער“'ס בילד פון דעם ערשטן חנוכה־אוונט – פון מנחה אין שול ביז א טאטע וואס קוקט אין די ליכטלעך און בענקט צו זיין אייגענער קינדהייט. אין קאווע שטיבל האט מען געפרעגט א קשיא וואס מוטשעט שוין דורות: פארוואס פייערן מיר דאס קריגל אויל און נישט דעם נצחון אין דער מלחמה? אין „הלכה־שמועס“ פרעגט מען צי גלעזלעך אין א זילבערנער מנורה נעמען אוועק דעם הידור. אין „תורה און וויסנשאפט“ ברענגען מיר א שלש־סעודות־תורה איבער פרעה'ס חלום, וואס הייבט זיך אן מיט א פשוטער קשיא און ענדיגט זיך מיט הנחות קדומות – און מיט א ווארט פון איינשטיין.

מיטוואך איז ו' טבת, די יארצייט פונעם הייליגן שינאווער רב, און מיר ברענגען א שמועס פארוואס ער איז אליין אוועקגעפארן קיין ארץ ישראל. אין „הומאר“ פרעגט איינער צי ער זאל בענטשן ראש חודש טבת, נאכדעם וואס ער האט פארפאסט ראש חודש כסלו – און געהאט דעם בעסטן חודש זינט יארן. דערצו קומען די פעסטע קאלומס: „יארצייטן פון דער וואך“, „פערל פון די ארכיוון“, „היינט מיט . . . יאר צוריק“ און „די תגובה פון דער וואך“.

ביי יעדן שטיק שטייט פון וועלכן ארכיוו עס קומט, דער ניק פונעם שרייבער, און ווען עס איז געשריבן געווארן. די ווערטער זענען זייערע; מיר האבן מגיה געווען דעם אויסלייג און די גראמאטיק, און וואו מיר האבן עפעס אויסגעלאזט, שטייט „[פארקירצט]“.

א גוט שבת, א פריילּיכן חנוכה, און האט הנאה פון לייענען!

**די רעדאקציע**

## אין דעם נומער


| | | |
|---|---|---|
| **לכבוד שבת קודש • זאת חנוכה** | צום שיין פון די חנוכה ליכט • קרעמער | **4** |
| **שמועסן אויף דער סדרה • חנוכה** | וואס פייערן מיר – דעם נצחון אדער דאס קריגל אויל? • שמעקעדיג, פלאוויוס, יין שרף, ירא שמים און אנדערע | **6** |
| **הלכה־שמועס • נר חנוכה** | גלעזלעך אין א זילבערנער מנורה – א הידור אדער א חציצה? • שמעון וואלף, וואלווי, יהושע חיים, ונבנתה העיר, ברסלבער | **10** |
| **תורה און וויסנשאפט** | דער פתרון פון פרעה'ס חלום – אן איינשטיין־אויפטרעף • פודעסטוועגדאך, הקטן, ממרום שלח אש, נולד מאוחר | **11** |
| **הומאר • ראש חודש טבת** | זאל איך בענטשן ראש חודש טבת? • רחב רחב, איך אויך, berlbalaguleh, דריידל און אנדערע | **13** |
| **אנשי שם • צו ו' טבת** | פארוואס איז דער שינאווער רב געפארן קיין ארץ ישראל? • אמת וצדק | **15** |
| **היסטאריע** | היינט מיט . . . יאר צוריק • פון די ארכיוון | **18** |
| **לוח** | יארצייטן פון דער וואך • כינר1 | **20** |
| **קורץ און שארף** | פערל פון די ארכיוון • פון די ארכיוון | **21** |
| **קאלום** | די תגובה פון דער וואך • ברסלבער | **24** |
| **מקורות** | | |

לכבוד שבת קודש • זאת חנוכה

# צום שיין פון די חנוכה ליכט

דער ערשטער חנוכה־אוונט, פון מנחה אין שול ביז די לאטקעס ביי דער באבען: „קרעמער" האט עס אויפגעשריבן אויף הײדפארק אין תשס"ו, מיט בענקשאפט צו די אמאליגע טעג – און מיט א שטיך פאר דער נייער צייט.

פון **קרעמער** • אויסגעקליבן און מגיה געווען

הײדפארק • היימישע קרעטשמע • „צום שיין פון די חנוכה ליכט" • 28סטן דעצעמבער 2005
https://hydepark.sites.tab.bot/t/1736755.html#p-1736755

ווידעראמאל איז ער דא, ווי אלע יארן קומט דער הייליגער יום טוב חנוכה אן אומגעמאלדן אינמיטן דעם פראסטיגן ווינטער, פלוצלינג אן קיין ווארענונג לייגט דער שמש ארויס די קנייטלעך און גלעזלעך אויפן טישל ביים עק שול, ווי צו זאגן: הערט צו רבותי! דער לוח שפאנט פאראויס, ער ווארט נישט אויף אייער גרייטקייט.

נישט אלע ווערן געכאפט אין אן איבערראשונג, מאנכע רישן זיך שוין אויפן אנקום פונעם אור הגנוז א לענגערע צייט, די זריזין מקדימין האלטן שוין ביים פארפארטיגן די "קדושות" פונעם הייליגן בארדיטשוב'ער אויף חנוכה, בחורים אין די ישיבות לערנען שוין א לענגערע צייט בחברותא דעם "בני יששכר" וואס איז ספעציעל מאריך מיט לעכטיגע מאמרים אריינצובריינגען דעם שיין פונעם יום טוב אין אידישע הערצער, דער ערנסטער אינגערמאן האט שוין אנגעצינדן דעם ליכטל פון זיין נשמה מיט די ווערטער פונעם הייליגן דברי חיים, אויך טייל בעלי בתים האבן שוין געפונען צייט אין זייער אנגעצויגענעם סדר היום אויף אדורכצוטאן די הלכות פונעם יום טוב אין קורצן.

ערב חנוכה פאר מנחה, עס הערשט אן אנגעצויגנקייט, מענטשן דרייען זיך ארום מיט אן ערנסטן מינע אויסגעצויגן אויפן געזיכט, עס איז טאקע נישט די געווענליכע "ערב יו"ט" פיבער, נישטא קיין מצות אפצובאקן, סוכות אויפצושטעלן, קיישעלעך צו פלעכטן, מען ברויך אפילו נישט אנטאן קיין ספעציעלע מלבושים, עס שיינט ווי דער גאסט איז צופרידן מיט אונז וויאזוי מיר זענען.

דאך איז עס גאר אנדערש ווי א געווענליכע וואכן טאג, עס שפירט זיך דאס הייליגע גייסט וואס ווארט אט אט אריינצודרינגען אין אונזער מגושם'דיג וועלטל, מען קען מיט דער האנט אנטאפן די העכערקייט וואס שוועבט אין די לופטן, אויף אלעמען איז קענטיג אז עפעס אויסערארדענטליך קומט היינט פאר ביי זיי אין געוויסן, יונג און אלט גרייטן זיך אויפצונעמען דעם פרייליכן יום טוב חנוכה ווי עס פאסט.

דער יום טוב איז נאכנישט פולשטענדיג אין קראפט, אבער די יונגוואר שטייט שוין גרייט מיט דעם קלאפער-געצייג, קוים וואס זיי קענען די אל"ף בי"ת און שוין געבן זיי ארויס פארטייבענדע קולות דורך זייערע פושקע קלאפערייען, זיי קומען צו מיט א באַחן'עווטע תינוקות-של-בית-רבן שטימע בעטנדיג "צדקה"! ווער האט די הארץ זיי אפצוזאגן אדער אוועקמאכן מיט א נויג פון דער האנט?

**דער לוח שפאנט פאראויס, ער ווארט נישט אויף אייער גרייטקייט.**

דער מנהג פון די אמאליגע ארימע אינגען – וואס ווערט צוגעבערענגט אינעם ערשטן מגן אברהם פון הלכות חנוכה – ארומצוגיין ביי די טירן שנארן נדבות אום חנוכה, איז היינט צוטאג פארוואנדעלט געווארן אין אן אלוועלטליכן "כל הנערים" געיעג ווער עס קען צוזאמקלויבן דאס מערסטע צדקה אין לויף פון די געציילטע חנוכה טעג, טיילמאל ווערן פעטערס און שוואגערס כמעט ווי געצווינגען אנצופילן דעם דעפעציט מיט וואס דאס קינד דערזעט זיך זיצנדיג ביי דער זאת חנוכה מסיבה.

דער עלטערער איד לאדענט אן זיינע קעשענעס מיט הויפענס קליין-געלט איידער ער פארלאזט זיין שטוב, זאל דאס קלעקן פאר אלע קליינווארג אין בית המדרש. עס איז צום צווייפלען ווער עס פריידט זיך מער, דער קליינטשיגער מיטן ניקל וואס עס איז אים געלונגען ארויסדערווישן פונעם אלטן, אדער דער אלטיטשקער מיט דער געלעגנהייט וואס דאס גיבט אים אויסצופרעגן דעם קליינעם – וואס וואלט רואיג געקענט זיין אן אור אייניקל ביי אים – אין וועלכן מוסד און ביי וועלכן מלמד ער לערנט.

אפגעענדיגט מנחה, דרייט זיך דער עולם אויס צו דרום וואו דער שמש שטייט שוין מיטן אנגעצינדענעם וואקסענעם ליכט אין דער רעכטער האנט גרייט אפצוזינגען אויפן קול די דריי ברכות מיט דעם באקאנטן וועלט'ס נוסח, קהל'ס מנורה וואס האט שוין בעסערע צייטן געזען ווארט פארנויגטערהייט אז דער שמש זאל

אנציינדן איר ערשטן לעמפל צו דער פרייד פון די אנוועזנדע וועלכע פרובירן אים שטערן מיט אלע מיטלען כמנהג ישראל.

מיט א יאגעניש שטעלט זיך דער בעל תפילה צו מעריב, מען דאווענט היינט מיט מער ברען און קאך ווי אן אנדערן אוונט, א קלייניגקייט? אט אט וועט מען ווידעראמאל זוכה זיין מקיים צו זיין דעם באליבטן מצוה פון חנוכה ליכט צינדן. דער עולם שפאנט אהיים פון מעריב מיט פלינקע טריט, טייל פירן זיך ארייןצוכאפן א טבילה אלס צוגרייטונג צו דער הייליגער מצוה, מען קען עפעס נישט ארייןשפרינגען אינעם חנוכה גלייך פון דער רוישיגער גאס ארויס.

עס איז אן ערהאבן בילד צו זען ווי דער טאטע קומט אריין אין שטוב מיט א וגילו ברעדה'דיג אויסדרוק אויפן געזיכט, מיט אייפער און פלייס רישט ער צי די קנויטלעך און שטעלט אוועק די מנורה אויף איר באשטימטע פלאץ, צו די ברייט אפענע אויגן פון זיינע זיסע שעפעלעך וועלכע באטראכטן מיט נייגער יעדן ריר זיינעם, וואונדערנדיג זיך דערביי פארוואס דער טאטע האט זיך היינט אזוי אהיימגעאיילט פון כולל אדער פון דער ארבעט.

דער הער פון דער משפחה שאקלעט זיך איבער א זאגער'ל, ער מורמלעט זיך אונטער די לשם יחוד'ס וואו מען בעט אויף גוטע געראטענע קינדערלעך: "ובכח סגולת מצות הדלקת נר חנוכה תזכנו לנו ולזרענו לנר מצוה ותורה אור (זאל דער שיין פון די חנוכה ליכטלעך ארייןשיינען אין אונז, און זאל דאס אונז צוברענגען צו לערנען תורה און טאן מצות)" זאגט דער טאטע מיט אן ערנסטקייט.

ער בעט א ווארימע תפילה אויפן צוקונפט "ויקוים בי מקרא שכתוב לא ימושו מפיך ומפי זרעך ומפי זרע זרעך אמר ה' מעתה ועד עולם" – אוי טאטע אין הימל – "ויהיו זרעי וזרע זרעי תלמידי חכמים וחסידים, אהובים למעלה ונחמדים למטה, ותחזק את לבבם לתורה ועבודה (זאלן מיינע קינדער און אייניקלעך זיין ערליכע תלמידי חכמים, באליבט אויבן אין הימל און דא אונטן, שטארק זייערע הערצער צו תורה און עבודה)", דערמאנענדיג זיך דערביי וויאזוי זיין זיידע פלעגט זיך דאס אונטערזינגען מיט אזא איידעלע תנועה, גלעטנדיג דערביי דעם אייניקל – וואס איז געשטאנען און זיך צוגעקוקט פון דער זייט – ווי זאגנדיג "טאקע דיר מיין איך"...

**זיסע טעג געוועזן דאן און קיין דאגות אדער פראבלעמען, ווען מען קען צוריקדרייען דעם זייגער...**

דער פאטער לאזט ארויס א קרעכץ ביים אויספירן "ואזכה לראות בנים ובני בנים עוסקים בתורה ומצות באמת (איך זאל די זכי' האבן צו זען קינדער און קינד'ס קינדער וואס לערנען פלייסיג די תורה און טון די מצות מיט אן אמת)", ווער ווייסט – קלערט ער צו זיך – וויאזוי מיינע קינדערלעך וועלן אויסוואקסן אויב די דורות וועלן חלילה ווייטער פאלן מיט אזא שנעלן אימפעט ווי ביז היינט.

אפגעצינדן דעם ערשטן ליכטל מיטן שמש, זעצט ער זיך אראפ זיי באטראכטן, ער נעמט נישט אראפ זיינע אייגעלעך פון זיי פאר א לענגערע צייט אפשניט, אין זיינע מח קעמערלעך שווימען ארויף זכרונות פון די אמאליגע טעג, עס פאנגט זיך אים אן בענקען צו די אלטע גוטע צייטן, מיט נאסטאלאגיע דערמאנט ער זיך ווי ער פלעגט אלס קינד אנצינדן די קליינע פארביגע ליכטלעך ביים טאטן אין שטוב, זיסע טעג געוועזן דאן און קיין דאגות אדער פראבלעמען, ווען מען קען צוריקדרייען דעם זייגער... און פון עק אויג גליטשט זיך אים אומווילענדיג ארויס א קליין טרערל.

ער ברומט זיך אונטער דעם "הנרות הללו" אדורכקוקענדיג די טרערן באנעצטע אויגן זיינע צו זען זיין געזונדל, א שטראם פון געפילן נעמען אים איבער באטראכטנדיג די קליינווארג וואס שטייען ביי דער זייט, ער הייבט אויף זיינע אויגן אויף ארויף און א שטומע תפילה רייסט זיך ארויס פון זיין איבערגענומען הארץ: זאל איך זוכה זיין צו דערלעבן פון זיי אלע – און פון מיר אליין – אסאך אידיש נחת!

צוריקקערנדיג זיך צו דער רעאליטעט נאך א ווילע, פאנגט ער אן מיט אביסל א העכער קול צו זינגען די חנוכה זמירות אויף די באקאנטע וועלטליכע מעלאדיעס וואס גייען צוריק הונדערטער יארן און ווערן געזינגען אין אלע ווינקלען פון דער וועלט דורך אלע שיכטן און קרייזן: מעוז צור ישועתי, לך נאה לשבח!

נאך יענעם אויפדערנאכט נעמט ער צוזאם זיין פאמיליע, צוזאמען שפאצירן זיי די פאר בלאק ביז צו דער שטוב פון זיינע עלטערן, וואו זיין מוטער שטעלט יערליך אהער אינעם ערשטן חנוכה אוונט א מייסטערהאפטע חנוכה פארברענג, ווי די נאראהאפטיגע גערוכן פון פרישע פאנקעס און געשמאקע לאטקעס מישן זיך אויס און פלעכטן זיך צוזאם מיטן פרייליכן שטימונג וואס הערשט אין שטוב, עס איז שטענדיג אן איינגענעמע אוונט ווי קינדער און זייערע עלטערן, זיידע באבע און די אייניקלעך שמועסן זיך צונויף ביז אין די שפעטע נאכט שעות אריין, דאס בלייבט אלעמען אין די ביינער ביז דאס קומענדיגע יאר.

ווי אנדערש איז אבער דער היינט-צייטיגער פארברענג פון דעם וואס ער געדענקט וואס איז געווען אלס קינד, אנשטאט איטליכער זאל זיין ארייןגעטאן אין א הערציגע שמועס מיט זיין מיטזיצער – ברודער אדער שוואגער צוגלייך – מיט א פריינטליכע מינע, זיצן טייל מיט איין האנט איבערן אויער שליסנדיג א ביזנעס דיעל מיט

אן אנגעצויגנקייט אויפן קליינטשיגן טעלעפאן, איגנארירענדיג דערביי די אייגענע משפחה מיטגלידער מיט וועמען עס קומט נישט אויס צו טוישן א ווארט איבערן יאר, וועו נישט די פאר שמחות וואס קומען פאר, אדער חנוכה און פורים.

פארשווינדן איז די רואיגקייט פון פאמיליע צוזאמקונפטן מיטן אויפקום פון דער היינטיגער טעכנאלאגיע, דער סעלפאון מיטן פאלם-פיילאט האבן אוועקגערויבט דאס ביסל מנוחה פונעם פריוואטן לעבן, נארמאלע באזעסענע מענטשן זענען פלוצים פארוואנדעלט געווארן אין שטורמיגע ברויזנדע באשעפענישן וואס קימערן זיך נישט מיט זייער אייגענע בלוט און פלייש, ווייב און קינדער.

ער ערוואכט זיך פון זיינע טיפזיניגע געדאנקען דורך א קלאפ אויף דער פלייצע, עס איז שוין שפעט ביינאכט, דאס קינד וויל שוין אהיימגיין שלאפן. שלאף מיין טייערע שלאף, שטיי אויף צו א ליכטיגערע וועלט, א וועלט מיט משיח צדקינו.

## פארוואס ענדיגט זיך עס זויער?

א ליינער האט באמערקט אז דער סוף איז „אנטי־קלימאקטיש“. „קרעמער“ האט געענטפערט:

דער אמת איז: דער ארטיקל איז ווייט פון גאנץ, איך וואלט געקענט שרייבן דאפעלט אזויפיל, איך האב נישט בארירט די דריידל שפילערייען פון די משפחה מיטגלידער, אפגערעדט פון די קוויטלעך, איך האב נישט באהאנדעלט די "הנרות" כאר'ס פון די רבי'שע הויפן (גראדע איז מיר דאס געלעגן אויפן שפיץ פעדער, ווייל א חלק פון דער התעוררות וואס ווערט דערקענט ביים ערשטן האלב ארטיקל איז אדאנק א "תשכ"ב" קאסעטע פון סאטמאר, דאס האט אויפגעוועקט אביסל אינערליכע געפילן וואס האבן אין גאנג געלאזט דעם שרייבערישן פעדער), ווער רעדט נאך פון די פולצאליגע "פאדי'ס" וואס איך האב קוים אויפן שפיץ גאפל ערוועהנט, נאר צוצוקומען צום סעלפאון עפאכע וואס איז מיר געליגן ווי א ביין אין האלז.

אבער מיין ציל איז געווען ארויפצולייגן דעם ארטיקל ווי פריער, נישט אום זאת חנוכה נאר טאקע אין די ערשטע פאר טעג, דערפאר האב איך זייער מקצר געווען, און אט דאס איז דער סיבה פארוואס ער ענדיגט זיך אפשר מיט א שטיקל זויערקייט. ואתכם הסליחה. איך האף אי"ה צו פארעכטן ביים פורים ארטיקל..

היידפארק • 4טן יאנואר 2006

שמועסן אויף דער סדרה • חנוכה

# וואס פייערן מיר — דעם נצחון אדער דאס קריגל אויל?

נאך חנוכה תשע"ה האט „שמעקעדיג“ אין קאווע שטיבל געפרעגט: די חשמונאים האבן באזיגט די שונאים און געראטעוועט א פאלק – און מיר פייערן א קריגל אויל? די תשובות זענען געקומען פון מגילת תענית, פונעם רמב"ם, פון יוספוס און פונעם קדושת לוי, און א יאר שפעטער האט מען ווייטער געשמועסט.

פון **שמעקעדיג, פלאוויוס, יין שרף, ירא שמים און אנדערע** • אויסגעקליבענע תגובות [פארקירצט]

קאווע שטיבל • תורה און מחשבה • „וואס איז דער נס חנוכה“ • 25סטן דעצעמבער 2014 – 7טן דעצעמבער 2015
https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/8009.html

**שמעקעדיג** • 25סטן דעצעמבער 2014

מ'האלט מיר שוין נעילת החג פון אסרו חג... אבער די קשיא איז נאך אלץ קיימא וקאי, איך וויל הערן ווער עס קען מיר פארענטפערן.

בימים ההם האבן די אידן שרעקליך געליטן פון די רוימער, ברוחניות און בגשמיות. א הארץ קען צעגיין ווען מען לייענט זיך אן די צרות און רדיפות וואס כלל ישראל איז דאן אדורכגעגאנגען. יוסף משיתא, חנה ושבעה בניה, וויפיל אידן האט מען גע'הרג'עט אן קיין רחמנות מיט כל מיני מיתות משונות בלויז פארן וועלן זיך פירן ע"פ תורה, און די רשעים האבן מטמא געווען דעם ביהמ"ק מיט אירע הייליגע כלים,

ביז די חשמונאים האבן זיך גענומען אין דער האנט אריין, געגאנגען אין מלחמה און אנגעהויבן באזיגן די שונאים די רשעים, וועלכע האבן געליטן איין מפלה נאכן צווייטן, ביז, ביז... מ'איז אריין אין ביהמ"ק און מען האט געטראפן א קריגעלע טהור'ע אויל... און לזכר דעם פייערט מען דעם נס!! ווייל מיט דעם ווייזט זיך ארויס די אהבה פון הקב"ה צו כלל ישראל.

זאגט מיר, מאכט עס סענס? האט איינער געבעטן די אויל? אויף ענגליש רופט זיך אזא זאך "יו ענסערד עי קוועסטשון נאו-וואן עסקד"! (You answered a question no one asked), אויל האט אונז געפעלט? עס האט געפעלט טויזענטער אידן, צעבראכענע משפחות רצוצים ושבורים, און איה"נ מען דערמאנט טאקע די גרויסע נסים "ועל הנסים... ועל המלחמות.." אבער דאס איז נאר אזא נכתב בצדו, מען מאכט פונעם עיקר א טפל און פונעם טפל אן עיקר, אלעס איז פארנומען מיט דעם ביסעלע אויל, כאילו דאס גליק האט אונז באטראפן מיט דעם אויל...

מה הפשט?

**פלאוויוס** • 25סטן דעצעמבער 2014

שמעקעדיג:

אין אלע אלטע מקורות איז דער געווינס אין מלחמה נישט נאר געווען דער עיקר, נאר דער נס מיט'ן שמן איז ניטאמאל דערמאנט געווארן. אזוי איז עס אין די ספרים פון יוספוס פלאוויוס (!..), און אזוי איז עס אפילו אין אונזערע תפילות. די "ועל הנסים ועל המלחמות" זענען נישט קיין נכתב בצידו, נאר דאס איז די איינציגע זאך וואס מ'דערמאנט ביים דאווענען (טרעף מיר ערגעץ דעם פך השמן אין די ועל הנסים). ובכן, כאטש מ'צינדט טאקע ליכט אלס זכר צום פך השמן, איז עס לויט אלע סימנים נישט געווען קיין עיקר פונעם יום-טוב ביז צו א שפעטערער צייט. אזוי דאכט זיך מיר וויניגסטנס.

די סברא זאגט אז הערשט אין גלות, ווען דער מאטיוו פון מלחמה האט פארלוירן דעם גלאנץ ביי אידן, איז דער פאקוס אריבער צום פך השמן.

**שמעקעדיג** • 25סטן דעצעמבער 2014

פלאוויוס:

ועל הנסים קוקט מיר אויס צו זיין א סטענדערד נוסח, א הקדמה צום נס חנוכה און נס פורים, און דאן גייט מען אריין בפרטיות, מען דערמאנט די מלחמה, די נצחונות, אבער די צווייטע האלב פאוקעסט מער אויף ואח"כ באו בניך לדביר ביתך, ופינו, והדליקו, וקבעו וכו', און בעיקר ווי דו דערמאנסט שוין, דער גאנצער רמז פון די ליכט איז אויף דעם נס פון דעם אויל, און לויט טייל לצים, אויכעט דער ענין פון די פאנקען/לאטקעס/דאונאטס... אלע קושיות פון ב"י און ר' תנחום, אלעס דרייט זיך ארום דעם ביסעלע אויל........

**יין שרף** • 25סטן דעצעמבער 2014

די ערשטע ספר צו געשריבן ווערן שלא תשכח התורה מישראל, איז געווען מגילת תענית. וואס איז פארשריבן געווארן דורך די חכמים נאך פאר די משניות.

„בעשרין וחמשה ביה יום חנוכה תמניא יומין, דלא למספד בהון שכשנכנסו יונים להיכל טמאו כל השמנים שבהיכל, וכשגברה יד בית חשמונאי ונצחום, בדקו ולא מצאו אלא פך אחד שהיה מונח בחותמו של כהן הגדול שלא נטמא, ולא היה בו להדליק אלא יום אחד. ונעשה בו נס והדליקו שמונה ימים. לשנה אחרת קבעום שמונה ימים טובים.“

ער פאנגט טאקע אן מיט דעם נס פון דעם פך שמן, אבער דאס איז נישט די סיבה פארן יו"ט.

„ומה ראו לעשות חנוכה שמונה ימים, והלא חנוכה שעשה משה במדבר לא עשה אלא שבעה ימים, שנאמר (ויקרא ח, לג): "ומפתח אהל מועד לא תצאו שבעת ימים וגו'", ואומר (במדבר ז, יב): "ויהי המקריב ביום הראשון את קרבנו וגו'", ובשביעי הקריב אפרים. וכן מצינו בחנוכה שעשה שלמה, שלא עשה אלא שבעת ימים, שנאמר (דה"ב ז, ט): "כי חנכת המזבח עשו שבעת ימים, והחג שבעת ימים". מה ראו לעשות חנוכה זו שמנה ימים, אלא בימי מלכות יון נכנסו בני חשמונאי להיכל, ובנו את המזבח, ושדוהו בשיד ותקנו בו כלי שרת והיו מתעסקין בו שמונה ימים."

פון דער פשטות וויאזוי עס ווערט געפרעגט די קשיא מוז זיין אז דער יו"ט האט גארנישט צו טון מיט דעם קריגל, נאר וועגן דער חנוכת המזבח. נאר וויבאלד טעכניש האט גענומען 8 טעג צו מתקן זיין די מזבח, האט מען מתקן געווען 8 טעג יו"ט.

„ומה ראו להדליק את הנרות, אלא בימי מלכות יון שנכנסו בית חשמונאי להיכל, שבעה שפודין של ברזל בידם, וחפום בעץ והדליקו בהם את המנורה"

מען צינדט די מנורה צו מאכן א זכר וויאזוי מען האט געצינדן די מנורה אין ביהמ"ק דאן, נישט וועגן דעם נס מיט דעם פך של שמן. נאר וויבאלד למעשה איז דא 8 טעג יו"ט, צינדט מען 8 טעג די מנורה.

**נהורא נפישא** • 25סטן דעצעמבער 2014

יין שרף, מגילת תענית איז געשריבן געווארן אין אראמעיש די צוגעלייגטע העברעאישע טעקסט וואס ברייטערט אויס הסברים אויף די באשטומטע דאטומס זענען ברייתות וואס זענען שפעטער צוגעשריבן געווארן, אלזא דער נס פון פך שמן ווערט נישט דערמאנט אין מגילת תענית.

**יאיר** • 25סטן דעצעמבער 2014

די קשיא קענסטו פרעגן אויף יעדע יום טוב. פארוואס מאכט מען פסח אזא גדולה פון דער מצה, דער עיקר איז אז מען איז באפרייט געווארן.
דער ענטפער איז אז מצה און ליכט זענען פשוט די סימבאלן וויאזוי מען פראוועט יום טוב. שפעטער זענען די סימבאלן געווארן דער עיקר, פונקט ווי טוירקי איז געווארן דער עיקר פון טענקסגיווינג.
ובזה מיושב קושית הבית יוסף, כמו שביאר החכם לייקוואוד.

**גענוואלדיג** • 6טן דעצעמבער 2015

די קשיא איז אלט און איך בין געווען זיכער אז איינער האט שוין געענטפערט, נו מקום הניחו לי להתגדר, (אויב די קשיא באדערט נאך) דער יו"ט איז אויף דער הצלה ווי מען זעט אין דעם נוסח פון על הניסים, נאר דעם אופן פון טון די פעולה פונעם יו"ט איז לזכר דעם נס פון דעם אויל, וואס איז גארנישט אזוי זייטיג נאר האט געהויבן די מאראל פון די צעקלאפטע אידן נאך יארן פון חילול הביהמ"ק און ירידת קרן ישראל צו זען אזא גילוי פון חביבות פון השי"ת צו די אידן.

**גר ותושב** • 6טן דעצעמבער 2015

די קשיא קען מען פארענטפערן מיט דער קשיא אז עס זענען דאך געווען אנדערע ניסים פאר כלל ישראל ווי סנחרב ועוד וואס מען האט נישט געמאכט קיין שום זכר דעראויף איז מיט וואס איז אנדערש דער נס חנוכה וואס אויף דעים מאכט מען יא א זכר? דער קדושת לוי אנטפערט אז עס זענען דא אסאך מאל הצלה זמנית וואס מען ווערט געראטעוועט פון א צרה אבער עס לאזט נישט קיין השפעה אויף שפעיטער מה שאין כן חנוכה און פורים האבן די חכמים געזעין אז די קומענדיגע יאר אז די השפעות קומען נאכאמאל אראפ האבן זיי עס קובע געווען לדורות כמאמר הגמרא "לשנה אחרת" קבעו ווייל ערשט די קומענדיגע יאר האט מען געזעין אז עס האט א השפעה לדורות אויב אזוי קען מען זאגן פשוט אז די השפעה איז געווען בנוגע די הארות הנרות אבער לגבי דעם חלק הנצחון פון דער מלחמה איז עס געווען א הצלה זמנית אזוי ווי די מלחמת סיסרא וסנחרב איז אויף דעים האט מען נישט געמאכט קיין זכר.

**יראַ שמים** • 6טן דעצעמבער 2015

ז"ל הרמב"ם הל' חנוכה:

א. בבית שני כשמלכי יון גזרו גזרות על ישראל ובטלו דתם ולא הניחו אותם לעסוק בתורה ובמצות. ופשטו ידם בממונם ובבנותיהם ונכנסו להיכל ופרצו בו פרצות וטמאו הטהרות. וצר להם לישראל מאד מפניהם ולחצום לחץ גדול עד שריחם עליהם אלהי אבותינו והושיעם מידם והצילם וגברו בני חשמונאי הכהנים הגדולים והרגום והושיעו ישראל מידם והעמידו מלך מן הכהנים וחזרה מלכות לישראל יתר על מאתים שנים עד החורבן השני:

ב. וכשגברו ישראל על אויביהם ואבדום בכ''ה בחדש כסליו היה ונכנסו להיכל ולא מצאו שמן טהור במקדש אלא פך אחד ולא היה בו להדליק אלא יום אחד בלבד והדליקו ממנו נרות המערכה שמונה ימים עד שכתשו זיתים והוציאו שמן טהור:

[פארקירצט]

**יראַ שמים** • 6טן דעצעמבער 2015

כ'ווייס נישט צו מקען מדייק זיין פון רמב"ם דא וועלכע איז דער עיקר, די הצלה אדער דער שמן, אבער אין אנהייב געפינט ער פאר וויכטיג צו שרייבן דעם ענין אז חזרה מלכות לישראל, אולי כוונתו איז דאס אויך א חלק פונ'ם נס די אידישע זעלבסטשטענדיגקייט/עצמאות. על אף שכידוע אז די חשמונאי'שע מלוכה איז נישט געווען אזא גליקליכע מלוכה, דאך די עצם זאך אז אידן זענען נישט געווען אונטער די אומות איז א שמחה.
און מיט דעם ווערט אויך פארענטפערט ע"ד הפשט די קשיא וואס גר תושב האט ערוועגט ווייל דא איז נישט א נס וואס מאיז ניצל געווארן פון א צרה נאר די ענין כנ"ל.

**יב הלוי סאלאווייטשיק** • 7טן דעצעמבער 2015

ליינענדיג קדמוניות היהודים
(באמצע ספר י"ב ואילך נוגע לחנוכה..) אז די מלחמות החשמונאים איז אנגעגאנגען איבער 25 יאר נאכן נס חנוכה, ווי אויך אז אלע 5 בני חשמונאים זענען געהארגט געווארן אין די מלחמות,
אין בכלל איז דער מצב הכלל אין ארץ ישראל נישט ציפיל בעסער געווארן אפי' נאך דער מלכות החשמונאים האט זיך אוועקגעשטעלט ..
(מה גם אז אין א קורצע תקופה שפעטער איז די הנהגה אריבער צו די צדוקים..)

א"כ איז פשוט וואס חז"ל האבן נישט מיחס געווען חנוכה צו דעם נס המלחמה,
אין האבן דאס דייקי מיחס געווען צו דעם נס פון דעם פח שמן,
וואס דאס איז דאך עדות הוא לכל באי עולם שהשכינה שורה בישראל..

**יראַ שמים** • 7טן דעצעמבער 2015

הערה, וואס איז דער עיקר פונ'ם יו"ט, נישט דער עיקר הנס שעל זה קבעוה נאר עיקר פון דער תקנה, אויף וואס איז דער יו"ט געשטעלט, אין דער גמ' פון דער מציאת פך השמן איז די אויספיר "לשנה אחרת קבעום ועשאום ימים טובים בהלל והודאה
רש"י: ה"ג ועשאום ימים טובים בהלל והודאה - לא שאסורין במלאכה שלא נקבעו אלא לקרות הלל ולומר על הנסים בהודאה:
דהיינו די עיקר קביעות און דער ענין פונ'ם יו"ט איז דער הלל און על הניסים (וואס מיט דעם איז עס דומה צו די אנדערע ימים טובים מיט מקרא קדש) וכ"ה בנוסח ועל הניסים.

**ברסלבער** • 7טן דעצעמבער 2015

ווי דערמאנט, איז דער עיקר ציל פון א יום טוב, זיך נאכאמאל צו באהעפטן צום דעמאלטסדיגן מצב, און עס איבערשפילן אויפ'ן היינט.
יעדער מענטש האט אסאך שוועריקייטן אין דורכפעלער אין זיין לעבן. אויב וועט ער ווארטן צו זיין פרייליך נאר ווען אלעס וועט אים גיין גוט, וועט ער בלייבן ביים ווארטן. אל תאמר לכאפנה אשמח שמא לא תפנה. און אז דער מוט איז געפאלן, קען מען זיך נישט אויפהויבן העכער די פראבלעמען און טרעפן א לעזונג, וכן חוזר חלילה.
האבן די חשמנואים אונז געלערנט אז אפילו ווען כלל ישראל איז צעשמעטערט און צעבראכן ברוחניות ובגשמיות, לאמיר זיך פרייען מיט דעם קליינעם נס אז מיר האבן געטראפן אביסל אויל. איינמאל מיר וועלן האבן אביסל שמחה אין זיך, וועלן מיר מיט דעם קענען איבערקומען אלע אנדערע שוועריקייטן.

איך האב געגוג און נאך תירוצים פארוואס צו זיין אנגעזעצט, לאמיך אבער זיך קאנצענטרירן אויף די פריטלעך וועלכע זענען גאר גוט געלונגען. אויב דאס וועט הויבן מיין מוט, וועל איך אלעס איבערקומען.

---

**הלכה־שמועס • נר חנוכה**

# גלעזלעך אין א זילבערנער מנורה — א הידור אדער א חציצה?

ביי נר חנוכה זוכט מען „מהדרין מן המהדרין“. אין קאווע שטיבל האט מען געשמועסט וועגן די צוויי זקנים פון צידן – איינער האט געטון ווי בית שמאי און איינער ווי בית הלל – און וועגן א חומרא וואס איינער האט געהערט ביים שיעור: נישט צו צינדן אין גלעזלעך אין א זילבערנער מנורה.

פון **שמעון וואלף, וואלווי, יהושע חיים, ונבנתה העיר, ברסלבער** • אויסגעקליבענע תגובות • נישט קיין פסק הלכה

קאווע שטיבל • תורה און מחשבה • „שיעורים אויף חנוכה“ • 5טן דעצעמבער 2013 – 18טן דעצעמבער 2016
https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/5292.html

---

**ונבנתה העיר** • 5טן דעצעמבער 2013

נישט קיין שיעור - נאר אווארט:

אמר רבה בר בר חנה א"ר יוחנן שני זקנים היו בצידן אחד עשה כב"ש ואחד עשה כדברי ב"ה זה נותן טעם לדבריו כנגד פרי החג וזה נותן טעם לדבריו דמעלין בקודש ואין מורידין.

דער ערשטער האט געצינדן אכט ליכט, האט ער געטון מיט דעם כבית שמאי, דער צווייטער האט געצינדן נאר איינס און דערנאך זיך אפגעשטעלט, איז די עצם עשי' כב"ש פונקט ווי כב"ה דבכלל מאתיים מנה, נאר דער כללות הענין פון צינדן איינס און נישט צינדן ווייטער דאס הייסט עשה כדברי ב"ה - כתוכן שיטתם.

**ברסלבער** • 5טן דעצעמבער 2013

ונבנתה העיר:

איך וואלט געזאגט אביסל אנדערש. אז ער האט געצינדן דעם ערשטן טאג איין ליכטל, מיינט נאכנישט אז ער טוט ווי די ב"ה, ווייל אפשר איז ער נישט פון די מהדרין מן המהדרין. אבער זיין כונה איז געווען כדברי ב"ה אזוי ווי מען האט געזען דעם נעקסטן טאג.
אפשר האסטו אויך דאס געמיינט.

**שמעון וואלף** • 18טן דעצעמבער 2016

חנוכה איז דאך באקאנט אז מ'פראבירט צו זיין מן המהדרין דמהדרין וכל המרבה במהדרין הרי זה משובח. אין די ספרים טרעפט מען טאקע חומרות מחומרות שונים וכמה טעמים נאמרו על כל אחד מהם, והבוחר יבחר.

שוין לאנג וואס כ'האב געזען די חומרא געברענגט אין פסקי תשובות סימן תרע"ג לגבי צינדן די ליכט אין גלעזעלעך וואס מ'לייגט אין דער מנורה.
וואס איז די פראבלעם מיט די גלעזעלעך?

אט הערטס און שטוינט:

ס'איז דאך א הידור מצוה צו צינדן אין א שיינע זילבערנע מנורה, איז טאמער לייגט מען גלעזעלעך אין דער זילבערנער מנורה קומט דאך אויס אז די לעכט - די פלאם - ליגט למעשה אין גלאז, נישט זילבער, איז מען דאך נישט מקיים דעם הידור פון צינדן אין זילבער! דאס אז ס'איז פונקט אזוי שיין מיט די גלעזעלעך ווי אן דעם, איז אירעלעוואנט ווייל דעם הידור איז מען נאר מקיים ווען ס'ווערט געצינדן דירעקט אין זילבער.

אקעי, א שיינע חומרא און ווער ס'איז שוין פארטיג מיט אלעם ביז אהין זאל ער צינדן אין דער זילבערנער מנורה אן קיין גלעזעלעך. דאס ווייב וועט גערן עס אויספיצן טאמער ווייסטי זי אז ער מיינט עס ערענסט. מיר באדערט אבער אז היינט ביים שיעור כללי האט דער דיין געזאגט מיט א פשטות אז ס'איז נישט אויסגעהאלטן צו צינדן אין גלעזעלעך. מ'נעמט א חומרא וואס ווערט נישט דערמאנט אין ערגעץ און מ'מאכט דערפון א פשטות כאילו ס'איז מעיקר הדין.

**וואלווי** • 18טן דעצעמבער 2016

שמעון וואלף:

פארוואס טאקע ע"פ פשט איז ביי חנוכה מער ארויסגעברענגט אין חז"ל אליינס דער ענין פון הידור, הגם ביי א יעדע מצוה איז אויך דא הידור?

**וואלווי** • 18טן דעצעמבער 2016

שמעון וואלף:

זייט ווען איז דא אן ענין פון חצוצה ביי א הידור וואס איז נישט מעכב בהלכה...

אפשר וועגן דעם צינדט מען ביים פענסטער כדי צו קענען וויסן מיט וועם זיך משדך צו זיין אז זיי זענען טאקע יודן יראים ושלמים מדקדקים בחמורה כקלה

**יהושע חיים** • 18טן דעצעמבער 2016

עס זענען דא וואס זאגן אז עס איז גאר אן ענין אז מען זאל צינדן אין גלעזעלעך און עס זאל זיך ארויסשטעקן אז מען זאל זען דעם שמן זית וואס דאס איז דער עיקר הנס

איך געדענק נישט די מקור

**תורה און וויסנשאפט**

# דער פתרון פון פרעה'ס חלום — און איינשטיין־אויפטרעף

פארוואס האבן פרעה'ס חכמים נישט געקענט פותר זיין א חלום פון פעטע און מאגערע קי, ווען דער פשט איז אזוי פשוט? „פונדעסטוועגנדאך“ ברענגט א תורה וואס א „פיקטיווער רבי“ האט געזאגט ביי שלש סעודות, וועגן הנחות קדומות – און דער עולם ענטפערט מיט איינשטיין.

פון **פונדעסטוועגנדאך, הקטן, ממרום שלח אש, נולד מאוחר** • אויסגעקליבענע תגובות [פארקירצט]

קאווע שטיבל • תורה און מחשבה • „דער פתרון פון פרעה'ס חלום, און איינשטיין אויפטרעף“ • 1טן דעצעמבער 2013
https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/5327.html

**פונדעסטוועגנדאך** • 1טן דעצעמבער 2013

אוי איז דאס געווען א שיינע שאלעשסועדעס תורה פונעם הייליגן פיקטיווער רבי זז"ג. אזאש אז איך מיז עס מיטטיילן דא.

הנמצא כזה איש אשר רוח אלקים בו. האט דער רבי במתק לשונו זיך געשעטלט אויף דער געוואלדיגער חכמה פון דעם פתרון חלום.
אמער, וואס טוען דען סימבאלעזירן קיהען מיט זאנגען?
אוודאי עסן. מאגערע קיהען, אויסגעקלאפטע זאנגען איז ווייניג עסן. פעטע קיהען, פולע זאנגען איז אסאך עסן.
דאס איז א' ב'. פארדעם האלט אים פרעה פאר א חכם הרזים עד כדי כך אז ער מאכט אים זאפארט משנה למלך.
דער רבי כדרכו קוקט זיך נישט פאר. נאר וואס עס באלעבט אים בשעת מעשה דאס קומט ארויס פון אים. ממש ה' שפתי תפתח, ער לאזט דעם אייבערשטער רעדן, שכינה מדברת...
דער עולם זיצט פארגאפט, עס איז דאך אזא פשוטע שאלה, פארוואס איז דאס אונז נישט שווער געווען?
דער רבי כדרכו, קוקט אויפן עולם, ער וויל מיטלעבן זיין חברייא, נאר וועגן דעם איז ער א רבי. יעצט שפירט ער טאקע דאס וואס זיי פרעגן זיך אליין.
און אזוי פארדביקהט ער זיך אין זיין עולם.

אהה, דער רבי ווערט יעצט ווייטער כמעין המתגבר.
זיינע חסידים האבן אים מגלה געווען דעם תירוץ.
פארוואס טאקע איז זיי נישט איינגעפאלן צו פרעגן די פשוטע שאלה? ווייל די גרעסטע קונץ אויף דער וועלט איז אראפשיילן נאך א שיכט פון הנחות קדומות, און נאך א שיכט.
די שוועריקייט איז ווייל מען איז בכלל נישט באוואוסטזיניג אז מען האט אט דעם הנחה, און לכבוד דעם ווערט אלעס פארדרייט.
דער הייליגער רבי איז ממשיך, אז אויב מיר זען ווי אלע חרטומים האבן נישט געקענט פותר זיין, דאן מוז זיין אז די קולטור, די הנחה איז געווען אז דער פתרון פון א חלום דארף זיין קאמפליצירט און מפולפל. מען דארף אהערשטעלן דקותדיגע ליטווישע דינים, צוזאמען מיט חסידישע גימטריאות און ראשי תיבות.
איז געקומען יוסף און האט געזאגט די פשטות. ער האט געהאט דעם כוח צו קוקן אויף א מצב דורךדרינגלעך, און נישט בלייבן שטיין ביי הנחות וואס דער קולטור און סאסייעטי האט אפגעמאכט.
אזא מענטש קוקט דורך יעדע זאך לאמיתו של ענין, אזא מענטש איז אן עכטער חכם און וועט זיך ספראווען מיט יעדע מצב אויף א מייסטערהאפטליכע אופן.
הנמצא כזה איש אשר רוח אלוקים בו, מאכט רש"י, אם נלך ונבקשנו הנמצא כמוהו. פארטייטשט דער בעל שם טוב אז רש"י ברענגט דא ארויס גאר א גרויסע דרגא פון חכמה.
נישט נאר איז יוסף א גרויסע חכם, נאר מען קען אפי' נישט טרעפן איינעם אזוי ווי עם וואס זאל אים אפי' קענען אפשאצן.
ווייל ווען איינער מאכט א פאראדיגם טויש, ווען איינער איז אינדרויסן פון די הנחות קדומות פון זיין סאסייעטי, איז נישטא דער מעסטער מיט וואס אים צו מעסטן. מען איז דאך אנגעפיקעוועט מיט די אלטע הנחות, מען איז פעלזן פעסט מיט די יסודות, כיתד בל תמוט. אז איינער זאגט אנדערש ווי אט די הנחות איז פשוט ביי קינד און קייט אז ער רעדט שטותים.
נאר איינער וואס איז א חכם כמוהו, נאר איינער וואס האט די כחות זיך ארויסצודראפן פון די הנחות קדומות, נאר ער קען אפפרישיעיטן און אנערקענען אז זיינע ווערטער זענען דברי חכמה וצדק.

פירט אבער דער רבי אויס, אז אפילו דאס גאנצע שטיקל תורה דא איז מסתמא פיל מיט הנחות קדומות מוטעת. איי

פארוואס זאג איך אייך דאס גאנצע פשעטל דא....ווייל איך וויל איר זאלט וויסן.

**הקטן** • 1טן דעצעמבער 2013

We cannot solve problems at the same level„
“at which we created them.

Albert Einstein –

**ממרום שלח אש** • 1טן דעצעמבער 2013

וואו איז ער דער פיקטיווער רבי? לאמיך אים געבן א קוויטל.

רגע , רגע, וואסערע מין הנחה קדומה איז דאס, ווייל ער זאגט גוטע תורה ברויך איך אים געבן א קוויטל..

**נולד מאוחר** • 1טן דעצעמבער 2013

חוץ וואס יוסף.איז נישט געווען ארגינעל פון דער מצרישער קולטער, איז געווען נאך א סיבה פארוואס ער האט געקענט טראכטן אן הנחות קדומת.

ווען איינער גייט דורך א טראמא ווי אייגענע ברודער ווארפן דיר אריין אין אגריב און זענען גרייט דיר צו הרג'ענען. ווערט אויפגעשאקלט אלע הנחות קדומת. ער זעט פלוצלינג אז דאס וואס ער האט אלץ געהאלטן איבער ברודערס ריעלעשנשיפ איז געווען א טעות. [פארקירצט]

הומאר • ראש חודש טבת

# זאל איך בענטשן ראש חודש טבת?

„רחב רחב“ האט שבת מברכים כסלו פארפאסט ראש חודש בענטשן. ער האט געציטערט – און דערנאך געהאט דעם בעסטן חודש זינט יארן. יעצט קומט שבת מברכים טבת, און ער פרעגט דעם עולם א שאלה.

פון **רחב רחב, איך אויך, berlbalaguleh, דריידל און אנדערע** • אויסגעקליבענע תגובות [פארקירצט]

קאווע שטיבל • קאווע שטיבל • „זאל איך בענטשן ראש חודש טבת?“ • 18טן–21סטן דעצעמבער 2014
https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/7939.html

**רחב רחב** • 18טן דעצעמבער 2014

שבת פרשת תולדות ביי מפטיר האט מיר דער בויך אנגעהויבן שטארק צו דריקן. איך בין אראפ און ביה"כ אויף הכנות. איך בין צוריק געקומען האט מען שוין געהאלטן סוף שטילע שמו"ע פון מוסף. איך האב זיך שנעל געשטעלט שמו"ע.

מוצא שבת ביי מעריב פאר שמו"ע קלאפט אויס דער שמש "יעלה ויבוא".

עס גייט מיר א דורך א סקרוך אין די ביינער, איך האב פארפאסט ראש חודש בענטשן היינט צופרי ווען איך בין געגאנגען הכנות!!

עס איז מיר שלעכט געווארן, איך האב נאך נישט פארפעלט ר"ח בענטשן קיין איין מאל נישט פון אלס יונג קינד. איך האב אנגעהויבן ציטערן וואס שלעכט עס גייט אלס געשען פאר מיר דעם חודש.

למעשה, צען טעג שפעטער האט מיין באנק באשטעטיגט מיין האום עקוויטי לאון וואס איך האב שוין געווארט א לאנגע צייט צו באקומען. מיט א נידריגע אינטרעסט דערצו!

די וואך ביי דער מסיבת חנוכה ביי דער ארבעט האב איך באקומען א רעיז אויף מיין געהאלט. דאס ערשטע מאל פונעם ריעל עסטעיט קראך אין 2008 וואס מען האט געגעבן א רעיז!

ווי אויך האט מען צוגעגעבן א שיינעם באנוס. אויך דאס ערשטע מאל פונעם ריעל עסטעיט קראך אין 2008 וואס מען געט א שיינעם באנוס, נישט א קארגע פאר דאלער יוצא צו זיין.

עס איז שוין סוף חודש, איך קוק צוריק וואספארא געוואלדיגע חודש איך האב געהאט. נישט שלעכט און נישט דורכשניטלך, נאר דער בעסטער חודש און א לאנגע צייט!

די שאלה איז, עס גייט יעצט זיין שבת מברכים, זאל איך ר"ח בענטשן?

**איך אויך** • 18טן דעצעמבער 2014

און דאס איז נאך מיטן האלטן שבת, שטעל דיך פאר דו בענשט נישט ר''ח פלאס נישט האלטן שבת ווי גוט עס וואלט דיר געגאנגען!

**לעיקוואד** • 18טן דעצעמבער 2014

וואס איז די ספק?

**berlbalaguleh** • 18טן דעצעמבער 2014

דו זאלסט זען צו גיין הכנות אינדערפריה פאר דו גייסט אין בימ"ד. אזוי וועסטו האבן בעסערע טשענסעס נישט צו פארפאסן ר"ח בענטשן.

און דו זאלסט האבן א גוטן חודש, אפילו דו האסט נישט פארפאסט ר"ח בענטשן...

**דריידל** • 19טן דעצעמבער 2014

מ'קען נישט זיין זיכער אז די אויסנאמע גוטע חודש איז געווען א רעזולטאט פון נישט ר"ח בענטשן, ווייל ס'איז מעגליך אז דו האסט אריינגעווארפן א קוואדער פאר א גבאי צדקה פונעם תהילים כולל אדער האט כולל חצות בטעות דערמאנט דיין נאמען.

**פארוואס?** • 21סטן דעצעמבער 2014

די איינציגסטע עצה וואס איז דיר געבליבן איז צו בענטשן על-תנאי:

אויב כלפי שמיא גליא, אז דו וועלסט האבן א בעסערן חודש אן בענטשן דאן יהא כאילו לא אמרתי כלום, ואם לאו - יהי רצון מלפניך וכו'...

**געפילטע פיש** • 21סטן דעצעמבער 2014

וואס האסטו געטון צום סוף?

**לאליפאפ** • 21סטן דעצעמבער 2014

נארמאל רעד איך נישט אזוי.. Holy אבער ווער עס קען די מעשה מיט דעם יוד וואס איז פארשלאפן דעם סדר פסח ביינאכט, ווייסט וואס דער חוזה האט אים געזאגט!

אנשי שם • צו ו' טבת

# פארוואס איז דער שינאווער רב געפארן קיין ארץ ישראל?

ו' טבת איז די יארצייט פונעם הייליגן שינאווער רב, רבי יחזקאל שרגא האלבערשטאם, דעם „דברי יחזקאל“, דעם זון פונעם דברי חיים פון צאנז (נפטר תרנ"ט). אין תרכ"ט איז ער אליין אוועקגעפארן קיין ארץ ישראל און געבליבן כמעט אכצן חדשים. „אמת וצדק“ האט אין תשפ"א צוזאמגעקליבן וואס ספרים פון חסידים – און ספרים פון היסטאריקער – זאגן וועגן דער נסיעה.

פון **אמת וצדק** • אויסגעקליבן און מגיה געווען [פארקירצט]

קאווע שטיבל • היסטאריע • „פארוואס איז דער שינאווער רב געפארן קיין א"י?“ • 4טן יאנואר 2021
https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/14409.html#p465117

מוצאי שבת האב איך געענישטערט צו זען ווער עס רעדט וועגן דער נסיעה האב איך געטראפן צווישען אנדערע דעם ספר "רבינו הקדוש משינאווא" (דעם ספר האט געשריבן רבי יחזקאל שרגא פרנקל, וואס זיין פאטער איז געווען מקושר צום שינאווא רב און ער האט פון אים אסאך מקבל געווען) אינעם ספר לייגט ער אראפ אין פרק י"ג די גאנצע נסיעה מיט אן אריכות גדול.

[פארקירצט]

וויל מען דאך וויסן וואס פונקטלעך האט באוואוגן דעם שינאווא רב זצ"ל אפצולאזן זיין ווייב אין קינדער, חסידים, און איינער אליין מאכן די שווערע נסיעה, איז אז מען קוקט אביסל זעט מען ווי די נישט "חרדישע" שרייבער זאגן אז די נסיעה איז געווען צוליב דער מחלוקת צווישען צאנז מיט סאדיגורא. שינאווע רב איז ארויסגעפארן סוף פון תרכ"ט אין דער צייט ווען די מחלוקת האט געברענט און אין א"י האט מען מחרים געווען דער הייליגער צאנזער רב, אט אזוי שרייבט יצחק אבן אין זיין בוך מחלוקת סאנז וסדיגורה עמוד 108:

„ומענין הוא לדעת כי דוקא הרבי הזה ר' יחזקאל'י היה האחד בין כל בני הזקן שהשתדל תמיד בכל כוח להשקיע את אש המריבה עד כמה שאפשר, והוא היה גם האחד שלא הקל ראשו כנגד החרם הארצי-ישראלי, והצטער עליו מאד.

תיכף אחרי חג השבועות, מהר הצדיק השיניואי לנסוע לארץ הקדושה בתקותו כי יעלה בידו לפתות כת הסדיגוראים אשר שם להסיר בעצמם את החרם מעל ראש אביו, אך דבר זה לא עלה בידו..“

שינאווא רב האט געדאוועט אין דער סאדיגורא שול אין טבריה, ווי איינער האט אים געוואלט הרגענען אבער איז צום סוף צוריקגעהאלטן געווארן. און ווי מען פארציילט איז ער אפי' אריין אין דער "ניסן באק" - ריזשינער שול אין אלט שטאט, דארט איז ער אויך אריין אין א געפעכט ווי שפעטער דערציילט און האט געדארפט אנטלויפן פון דארט מחמת סכנת נפשות.. פארוואס האט ער געוואלט דאוונען אין די סאדיגורא בתי מדרשים אפי' ער האט געוואוסט אז ער לייגט זיך אריין אין א סכנה גדולה זייענדיג א קינד פונים צאנזער רב דער ראש הלוחמים קעגן רוזשין? זעט אויס ער האט געוואלט בארואיגן דעם מצב.

[פארקירצט]

די אמת איז אז דער טעם ווערט נישט געברענגט נאר אין ספרי משכילים, נאך אויך אין היימישע ספרים, הערט וואס עס שטייט אין ספר הליכות חנוך - (סיפורים פון הגאון רבי חנוך העניך פאדווא פון לאנדאן) מדור על הצדיקים ועל החסידים אות ל"ו:

**די אמת איז אז ביידע קענען זיין אמת, און ווי עס קוקט אויס האט ער געהאט אפאר סיבות פארן אהינפארן.**

„סיפר הרב ששמע מהרה"ח רבי מרדכי הירש שמערלער ז"ל שעיקר טעם נסיעת הרה"ק משינאווא זי"ע לארץ ישראל היה כי חשש מאוד מהחרם שהטיל ר' ניסן באק (מחסידי סאדיגורא שגר בירושת"ו) על אביו הקדוש מצאנז בעת מהחלוקה הידועה, והטעם שחשש להחרם כי לדעת הרה"ק משינאווא לא הזהיר אביו הרה"ק מצאנז את בני קדוש ישראל מרוזין באופן מספיק לפני צאתו למלחמה נגדם.. ונסע לבקש את רבי ניסן באק שיבטל אותו, אבל לא נודע אם פעל בזה.“

נאך שטייט דארט אז עס איז נישט אמת אז מען האט אים געוואלט הרגענען אין א״י, ווייל זיי האבן אנגעקוקט שינאווא רב אלץ איינער פון זיי. והבוחר יבחור.

רבי בנימין מנדלסון דער קוממיות רב האט דערציילט וואס ער האט געהערט פון ר׳ יוסף הרטמן וואס האט זיך געדרייט ביים שינאווא רב, האט ער דערציילט אז שינאווא רב האט זיך אנגערופן שוין נאכן צוריק קומען פון א״י, אז די אמת׳ע סיבה פארן גיין און וואס פונקטלעך ער האט דארט אויפגעטון וועט מען געוואור ווערן ווען משיח וועט קומען. ער שרייבט אויף א פלאץ ״אודה להשם שזיכני להיות שליחא דרחמנא, והעלה אותי לארץ ישראל.

די אמת איז אז ביידע קענען זיין אמת, און ווי עס קוקט אויס האט ער געהאט אפאר סיבות פארן אהינפארן.

דער ניזוניאב׳ער רב ר׳ יחיאל מיכל היבניר, שרייבט אין זיין קונטרס ״הדרת קודש״ (וואס איז א הספר אויפן שינאווא רב):

„ושמעתי באומרים לי כי עיקר מטרת כוונתו (פון פארן קיין א״י) להזהיר על הכהנים.. דלא להקל לעצמן לילך על קברי צדיקים כי בנפשם הוא.“

די מעשה גייט אז שינאווא רב איז געפארן אן דערציילן פארן צאנזער רב אז ער גייט גיין, שפעטער ווען צאנזער רב האט אויסגעפונען האט ער געשיקט א בריוו צו זיין זון, שינאווא רב האט נישט אויפגעמאכט דעם בריוו ווילאנג ער איז נישט אנגעקומען קיין א״י, ווייל ער האט חושד געווען עס ס׳שטייט דארט ער זאל נישט פארן, און עובר זיין אויפן ציווי פונעם טאטע׳ן האט ער נישט געוואלט. ווען ער איז געווען אין צפת אינעם בריוו האט ער געשריבן אז ער זאל נישט פארן קיין מירון! דאס האט שטארק פארדראסן פארן שינאווא רב ווייל ער האט דאך געוואלט גיין מסדר זיין די זאך מיט די כהנים, אבער ער האט געפאלגט.

נאך א סיבה פארן נישט גיין קיין מירון וואס ווערט געברענגט אין אסאך מקורות איז צוליב אן אינטערסאנטע געשיכטע - אין א״י איז אנגעקומען צו זיינע הענט דער צווייטער חלק פונעם ספר הגלגולים פון רבי חיים ויטאל, דער חלק איז דאן נאך נישט געדריקט געווארן, ביים אויפמאכן דעם כתב יד האט ער געליינט וואס שטייט דארט ווי פאלגענד:

„גם זה מצאתי מכתב יד מורי ז״ל (דער אר״י הקדוש) ולא הבנתי כוונת הדברים וזה לשונו.. הוא התקוטט עם אביו, אין ראוי לילך למירון ולא לטבריה, וליונתן בן עוזיאל טוב מאוד, וכבר נגזרה גזירה.“

דער שינאווא רב האט אויסגעטייטשט דאס גאנצע שטיקל אויף זיך, כידוע האט ער זיך אסאך חולק געווען מיט זיין פאטער דער צאנזער רב, שטימט דער ״והוא נתקוטט״. אזוי אויך האט ער געזען אין דעם א רמז צו נישט צו פארן קיין מירון און טבריה, און צו יונתן בן עוזיאל איז ער טאקע יא געפארן. נאך א טעם פארן נישט פארן קיין מירון און טבריה, איז צוליב דעם וואס ער האט געהערט אז מען ווארפט אריין טייערע בגדים אינעם פייער און שינאווא רב האט ער דאס נישט געקענט צוקוקן אלס איסור בל תשחית, אזוי אויך האט ער געהערט אז אין טבריה איז דא א תערובת פון מענער און פרויען ביים קבר פון רבי מאיר בעל הנס, האט ער נישט אהינגעפארן.

וועלכע פון די אויבדערמאנטע טעמים איז געווען די ערשטע ווייס איך נישט עס זענען דא פארשידענע גרסאות אין די אלע זאכן, בעיקר צוליב דעם וואס ער איז געפארן קיין א״י איינער אליין איז נישט דא צו סאך עדות אויף וואס האט דארט פונקטלעך פאסירט.

שפעטער האט ער צוריקגעהערט אז א געדינגענע אראבער האט אים געוואלט הרגענען ל״ג בעומר אין מירון נאר וויבאלד ער איז נישט דארט געווען האט יענער אויפגעטויטשט א צווייטן אין יענעם כמעט געה׳רג׳עט, שטימט שוין די ״וכבר נגזרה הגזירה״. און מען זעט פון דעם אויך די ווייטע בליק פונעם דברי חיים מיטן זאגן ער זאל נישט גיין קיין מירון.

עס איז אויך כדאי צו ברענגען וואס ר׳ יחזקאל שרגא פרנקל (די זעלבע ארויסגעבער פון רביה״ק מצאנז) שרייבט אין דברי יחזקאל החדש (מדור הליכות והלכות):

„שמעתי מחסידים ואנשי מעשה שגאון עוזנו מרן משינאווא זצוק״ל בעת היותו בקודש בעיר קדשנו ותפארתנו ירושלים, אמר בהאי לישנא, כל ביאתי לארץ ישראל כדאית היתה אך ורק לראות הישמעאלים בגלימותיהם, ומזה לדעת סדר עטיפת הטלית כהלכתה.“

אזוי אויך האט שינאווא רב געטראפן אין ירושלים דעם ספר אור החמה פון רבי אברהם אזולאי דער זיידע פונעם חיד״א, דער ספר איז נאך געווען אין כתב יד, שינאווא רב האט דאס אפגעקויפט און איבערגעגעבן פאר א חשובע איד זאל דאס גיין דרוקן און ער האט אויסגעצאלט די הוצאת הדפוס. אזוי אויך האט שינאווא רב געדריקט דעם ספר הגלגולים, ווי אויך האט ער שפעטער געטראפן אין א״י ביי רבי שמואל העליר דער צפת׳ער רב דעם חיבור אור החמה וואס האט אויך געהאט א פי׳ זהרי חמה פון רבי אברהם גאלאנטי, זהרי חמה איז א קיצור פון א גרעסערע חיבור, דעם קיצור האט רבי אברהם אזולאי געמאכט און דאס געלייגט אונטער זיין פי׳ אור החמה, דאס אויך האט שינאווא רב ארויסגעגעבן.

זעען מיר אפאר סיבות פארוואס שינאווא רב איז געפארן קיין א״י, עס זענען דא נאך צוויי סיבות וואס איך האב געזען שטיין, אבער זיי שטימען נישט מיט די פאקטן, איינס ווערט געברענגט אין ספר זכרון יחזקאל פון רבי יחזקאל ראטער א תלמיד פון שינאווא רב,

אז וויבאלד שינאווא רב איז געווארן פיר און זעכציג יאר אלט כמנין "דין" און עס איז נגזור געווארן אויף אים א גזירה רעה (די מעשה אין מירון און אויך די מעשה און טבריה) האט ער געוואלט גיין גלות ליידן אזוי ווי זיין רבי דער שר שלום האט געטון, די פראבלעם איז אז שינאווא רב איז געבוירן אין יאר תקע"ה איז ער נאר געווען אלט פיר און פופציג נישט פיר אין זעכציג כמנין "דין". נאך א טעם ברענגט אראפ דער ספר "רביה"ק משינאווא" אז צאנזער רב האט אים געשיקט אויפצומאכן א צאנזער קלויז אין צפת. דאס איז אויך נישט קלאר ווייל ווי אויבן געשריבן איז ער געפארן אן דער ידיעה פון זיין טאטן.

## די ריכטיגע מטרה וועט מען וויסן ווען משיח וועט קומען.

אזוי אויך איז ווערד צוצולייגן אז דער שינאווא רב איז געווען א גרויסער אוהב א"י און כסדר געשטיצט דעם ישוב דארט, אזוי אויך האט ער כסדר געהאפט און גערעדט וועגן ביאת משיח, און אין יאר תרט"ו האט ער זיך געוואלט באזעצן דארט, נאר דער שר שלום פון בעלז האט אים צוריקגעהאלטן, יארן שפעטער ווען ער האט זיך נאכאלץ נישט דערזען וואוינען דארט האט ער געקויפט אן אחיזה אין א"י דורכן קויפן א זי"ן אינעם צאנזער קלויז אין צפת, זיין גרויסע תשוקה צו א"י און ביאת משיח האט ער גע'ירש'ענט פון זיין עלטער שווער דער ישמח משה פון אוהעל, שינאווא רב האט געהאלטן לויט ווי ער האט געטראפן אינעם פי' אור החמה אויפן זוהר אז משיח וועט קומען אינעם יאר תרס"ו, למעשה איז ער שוין נסתלק געווארן אין יאר תרנ"ט.

דער שינאווא רב איז געווען אין א"י כמעט אכצן חדשים, די גאנצע צייט האט זיין משפחה זיך אויפגעהאלטן ביים זיידן אין צאנז. דער קלויזענבורגער רב האט דערציילט אז ווען חשובע רבנים פלעגן קומען קיין צאנז פלעגט דער צאנזער רב זיך אפרעדן אויפן זון וואס האט איבערגעלאזט אליין זיין ווייב און קינדער פאר אזא לאנגע תקופה. איינמאל האט עפעס רב מסכים געווען און געזאגט אז ער פארשטייט דאס טאקע נישט.. פון דעמאלס אן האט צאנזער רב מער נישט געוואלט רעדן מיט יענעם, זעט מען אז ער האט געמיינט עפעס העכער'ס מיט דעם.

אז מען קוקט צוריק און מ'איז מסכם זיין נסיעה, האט ער נישט אויפגעטון צו באוואיגן דעם מצב מיט סאדיגורא, לגבי די כהנים אין מירון האט ער אויך נישט אויפגעטון, ער איז ניטאמאל געווען דארט אויף ל"ג בעומר, גלות לייד האט ער יא.. און די גזירה רעה האט ער אראפגענומען פון זיך. לגבי אויפמאכן א שול קען זיין אז זיין אנקומען אהין האט צוגעשטופט צו דעם, אבער די שול האט זיך אויפגעמאכט ערשט דריי יאר נאך ער איז אוועק פון דארט, אמת טאקע אז ער האט געדריקט אפאר חשובע ספרים וואס ער האט געטראפן אין א"י אבער ער איז דאך נישט געפארן פאר דעם, בלייבט נאר איבער דאס וואס ער האט אליין געזאגט אז די ריכטיגע מטרה וועט מען וויסן ווען משיח וועט קומען.

מען דארף באטאנען אז מען רעדט דא אלץ פון שינאווא רב'ס נסיעה פון סוף תרכ"ט ביז אנהייב תרל"א, אבער ווי עס קוקט אויס איז ער געפארן פאר א קליינע תקופה אינעם יאר תרכ"ח, ווי עס ווערט געברענגט אין אפאר פלעצער, איינס פון די ראיות דערצו איז פון א בריוו וואס שינאווא רב שרייבט צו ר' יצחק מאיר קאלגסברוין: מכיר אנכי מאז, בעת הוליכו אביו לארץ הקודש באנו בספינה יחד. און ר' דוד דער פאטער פון רבי יצחק מאיר איז אנגעקומען אין תרכ"ח ווי מען קען זען אין געוויסע דאקעמענטן.

דאס צווייטע מאל האט שינאווא רב זיך ארויסגעלאזט הארט נאכן ברית פון זיין זון דער דברי שמחה פון ציעשנוב וואס איז געווען אין י"ג מנחם אב תרכ"ט, און ער איז אנגעקומען קיין יפו אינמיטן חודש אלול.

[פארקירצט]

היסטאריע

# היינט מיט . . . יאר צוריק

וואס האט מען געשריבן אויף די פארומס אויף דעם זעלבן טאג, דעם 10טן דעצעמבער, אין פריערדיגע יארן? „berlbalaguleh“ לערנט פון א רש"י אז נישט יעדעס ווארט איז זכר, און „מרדכי מרדכי“ פרעגט צי א דזשיראף איז כשר.

4
יאר צוריק
2022

## חומש רש"י בפשוטו

**berlbalaguleh** • קאווע שטיבל • תורה און מחשבה • 10טן דעצעמבער 2022

אין דער פ' פון דער פארגאנגענער וואך, וישלח.(בראשית לב פסוק ט'). "והיה אם יבוא עשיו אל המחנה האחת והכהו והיה המחנה הנשאר לפליטה"...זאגט רש"י אז דאס ווארט מחנה קענמען טייטשן סיי אלס לשון זכר. און סיי אלס לשון נקיבה.

ער ברענגט ראיות פון פארשידענע פסוקים וואו מחנה איז מיט א לשון זכר. און וואו מחנה איז מיט א לשון נקבה. אויך אין זעלבן פסוק.

ווייל פאר רש"י איז שווער געווען אז אין זעלבן פסוק שטייט סיי א לשון נקבה (האחת) און סיי א לשון זכר (והכהו). רש"י ברענגט אויך אז ס'זענען דא ווערטער (אין לשה"ק) וועלכע מ'קען ניצן סיי פאר א לשון זכר. און סיי פאר א לשון נקבה. אזוי ווי שמש. אדער רוח...!

איז דאך משמע פון דעם אז די מערסטע ווערטער קענמען נישט ניצן פאר ביידע. געוויסע ווערטער זענען לשון זכר. און געוויסע ווערטער זענען לשון נקבה.

להוציא מליבן פון א סאך פון די היינטיגע שרייבערס אין לשה"ק און אידיש וועלכע פראקטיצירן דאס (היינטיגע) פאלשע אידישקייט. וועלכע פרובירן צו שרייבן אלעס נאר בלשון זכר. למשל. פאר..."תורה"... שרייבן זיי ...דער תורה. נישט, די תורה. און אזוי א סאך ווערטער.

לויט דעם קומט אויס אז זיי דארפן (ברוב טיפשותם) צענזורירן דעם מאמר חז"ל..."תורה מה תהא עליה. והתורה מונחת בקרן זוית"...דארפן זיי שרייבן אזוי. "תור' מה יהא עליו. התור' מונח בקרן זווי'...!

אמאל פלעגן אפילו די גרעסטע קנאים ווי ר' סענדער דייטש אויך שרייבן אידיש מיט א גראמאטישע פונקטליכקייט.

[פארקירצט]

https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/15704.html

3
יאר צוריק
2023

# איז א דזשיראף כשר?

**מרדכי מרדכי** • קאווע שטיבל • קאווע שטיבל • 10טן דעצעמבער 2023

היות איך האב באמערקט לעצטנס אז איך האלט שוין כמעט ביי 500 תגובות האב איך געטראכט צי שרייבן אן ארטיקל וואס איך האלט שוין ביי מיר א לענגערע צייט.

עס איז מיר אויסגעקומען צו ליינען די לאנדאנע שבת בשבתו זומער אויסגאבע פון יארע תשפ"ב איז מיר געוועןזייער אויפפאלענד ווען איך האב געליינט די פאלגענדע מעשה אז דער בית אברהם פון סלאנים (אדער סלונים?) האט באזוכט אין דעם בערלינער טור גארטן און זיך אויסגעדריקט אז א דזשיראפע איז נישט קיין כשר'ע בעל חי ווייל איר לאנגער האלדז ווייזט אויף גאווה.

די אמת איז אז א דזשיראפ איז יא א כשר'ע בעל חי און מען ווייסט אפילו דעם מקום השחיטה (ביים האלז)

און פון וואנעט ווייס איך עס? קוק אריין אין שולחן ערוך יורה דעה סימן כ' דארט שטייט אז דער מקום השחיטה איז ביים האלז און א דזשיראף האט א גרויסן האלז קען מען נישט פארפאסן ווי עס איז.

זוכנדיג אויפן געוועב מער איבער דעם נושא, ברענגט איינער נאך די זעלבע מעשה פון פריער, פון יאיר וויינשטאק די מעשה פון דעם בית אברהם.

א צווייטער זאגט אז עס איז יא כשר נאר מען האט עס געאסרט.

עפעס א רב (הרב משה כ"ץ) ווייסט גראדע יא אז מען מעג עס שחטן און עסן אבער היות מיר האבן נישט קיין מסורה דעמאלטס טאר מען נישט (אזוי ווי היישרעק).

איינער זאגט נאך פון הרב עובדיה יוסף אז מען עסט עס נישט ווייל די מדינה לאזט עס נישט הרגענען.

דער זאא אין ירושלים האט אמאל געשחטן א דזשיראף און געאקשענט(auction) דאס פלייש.

די OU האט אמאל געוואלט שחטן א דזשיראף אבער עס האט זיך נישט אויסגעארבעט צוליב טעכנישע סיבות, דער פרייז איז זייער טייער און עס איז א ריסק אז עס וועט נישט זיין כשר, זיי האבן געקענט באשטיין צו נעמען די ריזיקע מיט א דזשיראף אינגער פון א יאר אבער זיי האבן נישט געקענט טרעפן.

היוצא לנו מכל זה איז:

1. די סיבה וואס אונז עסן נישט קיין דזשיראף פלייש איז ווייל עס איז נישט פראקטיש און טייער

2. ביי די גויים איז אויך נישטא קיין מארקעט דערפאר.

https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/16739.html

לוח

# יארצייטן פון דער וואך

ג'–ו' טבת. די רשימה איז צוזאמגעשטעלט געווארן אויף היידפארק אין תשס"ד (2003), ווען די טעג זענען אויסגעפאלן אויף די זעלבע טעג פון דער וואך ווי היי־יאר. פאר די טעג ל' כסלו – ב' טבת איז אין דעם אשכול נישטא קיין רשימה, דערפאר הייבט זיך דער לוח די וואך אן ערשט פון זונטאג, ג' טבת.

פון **כינר1**

היידפארק • חסידישע נייעס • „הילולא דצדקיא" • 4טן יאנואר 2004
https://hydepark.sites.tab.bot/t/588466.html#p6209630

**זונטאג, ג' טבת • 13טן דעצעמבער**

- הרה"ק ר' אברהם ב"ר יהודה צבי מסטרעטין זי"ע • תרכ"ה
- הגאון ר' יעקב הכהן גדישה זצ"ל ראב"ד ג'רבה (בעמח"ס מעיל יעקב ועוד) • עת"ר
- הגאון ר' חיים ב"ר אלטר שמואלביץ זצ"ל ראש ישיבת מיר בירושלים • תשל"ט

**מאנטאג, ד' טבת • 14טן דעצעמבער**

- הרה"ק ר' גרשון חנוך העניך ב"ר יעקב ליינר מראדזין זי"ע (בעמח"ס התכלת) • תרנ"א
- המקובל ר' חיים שאול ב"ר אליהו הכהן דוויק זצ"ל (בעמח"ס אפה שלמה) • תרצ"ג
- הרה"ק ר' שלום ב"ר שמואל רוקח זי"ע אב"ד סקאהל • תשכ"ב

**דינסטאג, ה' טבת • 15טן דעצעמבער**

- הקדוש ר' שלמה מולכו הי"ד נשרף על קידוש ה' • רצ"ה
- הרה"ק ר' אהרן מטיטיוב ב"ר צבי בן הבעש"ט זי"ע • תקפ"ט ויש מסורת שנפטר בט"ו בו.
- הרה"ק ר' אברהם אלחנן מפלאנטש ב"ר יהודה זי"ע (תלמיד החוזה מלובלין זי"ע) (בעמח"ס ברכת אברהם) • תקצ"ה
- הרה"ק ר' אברהם יעקב ב"ר ישראל מסאדיגורא זי"ע תל אביב (בעמח"ס אביר יעקב) • תשכ"א

**מיטוואך, ו' טבת • 16טן דעצעמבער**

- הגאון ר' יעקב ב"ר יוסף ריישר זצ"ל (בעמח"ס חק יעקב ושבות יעקב) • תצ"ג
- הגאון ר' מתתיהו ב"ר שמואל שטראשון מווילנא זצ"ל • תרמ"ו
- הרה"ק ר' יחזקאל שרגא הלברשטאם משינאווא (בעמח"ס דברי יחזקאל) ב"ר חיים מצאנז (בעמח"ס דברי חיים) זי"ע • תרנ"ט
- הרה"ק ר' חיים שלמה ב"ר יהוסף מקוסון זי"ע • תר"פ
- הרה"ק ר' אלטר ישראל שמעון ב"ר יעקב פרלוב מנובומינסק זי"ע (בעמח"ס תפארת איש) • תרצ"ג

קורץ און שארף

# פערל פון די ארכיוון

א רמז אויף חנוכה אין פרשת מקץ, א חלום וואס מען קען נישט חלומען, פלאקס אין מצרים, א ווארט וועגן חלומות, און א פאר שורות לכבוד זאת חנוכה.

## „וטבוח טבח והכן“ – חנוכה אין פרשת מקץ

**גאלד:**

א דבר תורה פון ר' אהרן, דער סאטמאר רבי שליט"א, געזאגט תשע"ד ליל ב'

ער הייבט אן מיט דעם באקאנטן שלטי גבורים, "וטבוח טבח והכן" א פסוק אין פ' מקץ, וואס געפאלט אלעמאל בימי החנוכה, איז מרומז חנוכה, "ח' והכן" איז אותיות חנוכה, אויך "טבוח טבח" איז בגמטרי' מ"ד קעגן די מ"ד נרות, אויך דער פשוטו של מקרא פון "וטבוח טבח והכן" מיינט אז יוסף האט געהייסן ציגרייטן א סעודה פאר זיינע ברודער, וואס איז מרומז סעודות חנוכה, טראץ וואס מחז"ל איז חנוכה נאר הלל והודאה,
ע"כ השלטי הגבורים

[פארקירצט]

קאווע שטיבל • „שיעורים אויף חנוכה“ • 2טן דעצעמבער 2013
https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/5292.html

## א חלום וואס איז „נישט“ געשען

**ונבנתה העיר:**

די וואך, פרשת מקץ, הייבט זיך אן ווי די תורה פארציילט וואס פרעה חלומ'ט זיך, דערנאך איז עס נאכאמאל איבערגע'חזר'ט ווי פרעה דערציילט עס פאר יוסף.

צוויי זאכן איז פרעה מוסיף וועלכע שטייען נישט בשעת'ן חלומ'ען, 'לא ראיתי כהנה לרוע בכל ארץ מצרים לרוע' און 'ולא נודע כי באו אל קרבנה'.

די צוויי פרטים שטייען נישט בשעת דעם חלום ווייל זיי זענען 'העדר', זיי זענען עפעס וואס איז 'נישט' געשען, העדר קען מען נישט חלומ'ען, מען קען נישט חלומ'ען ווי די קוהען ווערן 'נישט' דיקער, עס בלייבט בסך הכל סטאטוס קווא פון וואס עס איז געווען מעיקרא.

קאווע שטיבל • „שיעורים אויף חנוכה“ • 17טן דעצעמבער 2014
https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/5292.html

## פארוואס איז פלאקס געווען טייער אין מצרים?

**קרעמער:**

רש"י שרייבט די וואך אז דערפאר האט פרעה אנגעטאן פאר יוסף א כתונת שש, ווייל "פלאקס" איז געווען א טייערער ארטיקל אין מצרים.

שטעלט זיך די קשיא, אין פרשת בראשית שרייבט רש"י אז דערפאר האט דער נילוס געהייסן "נחל פישון" ווייל דארט איז געוואקסן אסאך פלאקס.

וויאזוי קען זיין פלאקס א טייער ארטיקל אין מצרים אז עס איז געווען אסאך דערפון?

**cano:**

אולי י"ל אז וויבאלט פלאקס איז געווען א טייערער ארטיקעל האט עס די רעגירונג קאנטראלירט און דאס איז געווען נאר צום פארקויפן אויף אויסלאנד אדער פאר גרויס געלט און אזוי האט ער געהאלטן די חשבות דערפון

**קרעמער:**

דער דעת זקנים ענטפערט צוויי תירוצים:

1. אין מצרים איז טאקע געוואקסן אסאך פלאקס, אבער דאס איז געווען דירעקט א טייערער סארט, און האט זיך פארקויפט פאר גוט געלט איבער דער וועלט.

2. עס זענען פארהאנען צוויי סארטן פלאקס, איינס איז "קנבוס" (CANVAS), און איינס איז "שש", שש איז די טייערע און פון דעם האט געמאנגעלט, פון קנבוס איז געווען לרחצה (איך שרייב פון אויסעווייניג, איך האף אז איך האב דאס גוט אראפגעברענגט).

הײדפארק • „פרשת מקץ“ • 26סטן דעצעמבער 2005 – 2טן יאנואר 2006
https://hydepark.sites.tab.bot/t/1732592.html

## „שלאף ווייניגער“

**ארשמח:**

מ'קען אויך נישט פארגעסן וואס מען בעט יעדן יו"ט ביים דוכנ'ן, רבש"ע אני שלך וחלומותי שלך.

שוין היבש שפעט און איך דארף גיין אביסל חלומ'ן... וועלן מיר צוענדיגן מיט א ווארט פונעם בית ישראל מגור פאר איינעם וואס האט אים געפייניגט מיט זיינע חלומות: שלאף ווייניגער וועסטו האבן ווייניגער חלומות...

קאווע שטיבל • „חלומות שוא ידברו“ • 25סטן מערץ 2012
https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/249.html

# אין ליכט פון די ליכט

**zaltzvaser:**

[פארקירצט]

אין ליכט פון די ליכט / איך זע א געזיכט
אין ליכט פון די ליכט / איך זע פליכט
אין ליכט פון די ליכט / דעם אמת מען זוכט
אין ליכט פון די ליכט / באמערק איך דעם שטריך
אין ליכט פון די ליכט / ווי אייניג מיט דיר בין איך
אין ליכט פון די ליכט / אזוי לויטער און ציכט
אין ליכט פון די ליכט / דערמאנט איר מיך
אין ליכט פון די ליכט / אז איך בין נישט נאר איך
נאר א צאמשטעל פון נפש נשמה און רוח
אה, אין די ליכט פון די ליכט...

זאלצוואסער • „אין ליכט פון די ליכט“ • 23סטן דעצעמבער 2014
https://zaltzvaser.sites.tab.bot/t/554.html

קאלום

# די תגובה פון דער וואך

„רחב רחב“ האט פארפאסט ראש חודש בענטשן און געהאט א געוואלדיגן חודש (זעט „הומאר“). יעצט פרעגט ער צי ער זאל בענטשן ראש חודש טבת. „ברסלבער“ האט אים געענטפערט:

”

הנראה לענ"ד האסטו ביז יעצט קיינמאל נישט אזוי געבענטשט דעם חודש ווי דעם פארגאנגענעם חודש. געווענליך פלעגסטו מיטזאגן מיט יעדן דאמירן בעלמא, אבער דאס מאל ווען דו האסט פארגעסן האסטו געכאפט א ציפ, דאס האט דיר דערוועקט, און דו האסט זיך געגעבן אזא כאפ ארויס "רבש"ע, כ'האב פארגעסן ראש חודש בענטשן, העלף מיר איך זאל האבן א גוטן חודש", און דאס האט געמאכט די זאך. דעם שבת ווען דו בענטשט דעם חודש, לייג אויך צו עטליכע ווערטער אויף אידיש פון הארצן ארויס, און אזוי וועט דער קומענדער חודש געבענטשט ווערן בכפל כפלים.

**ברסלבער** • קאווע שטיבל • 18טן דעצעמבער 2014

https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/7939.html

מקורות

# פון וואו די שטיקער קומען

אלע שטיקער אין דעם נומער זענען גענומען פון די ארכיוון אויף archiv.sites.tab.bot. ביי יעדן שטיק: דער ארכיוו, דער פארום, דער אשכול, דער ניק פונעם שרייבער, דער דאטום, און דער לינק.

| | |
|---|---|
| **לכבוד שבת קודש • זאת חנוכה** | „צום שיין פון די חנוכה ליכט“ · **קרעמער**<br>היידפארק · היימישע קרעטשמע · אשכול „צום שיין פון די חנוכה ליכט“ · 28סטן דעצעמבער 2005<br>https://hydepark.sites.tab.bot/t/1736755.html#p-1736755 |
| **שמועסן אויף דער סדרה • חנוכה** | „וואס פייערן מיר – דעם נצחון אדער דאס קריגל אויל?“ · **שמעקעדיג, פלאוויוס, יין שרף, ירא שמים און אנדערע**<br>קאווע שטיבל · תורה און מחשבה · אשכול „וואס איז דער נס חנוכה“ · 25סטן דעצעמבער 2014 – 7טן דעצעמבער 2015<br>https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/8009.html |
| **הלכה־שמועס • נר חנוכה** | „גלעזלעך אין א זילבערנער מנורה – א הידור אדער א חציצה?“ · **שמעון וואלף, וואלווי, יהושע חיים, ונבנתה העיר, ברסלבער**<br>קאווע שטיבל · תורה און מחשבה · אשכול „שיעורים אויף חנוכה“ · 5טן דעצעמבער 2013 – 18טן דעצעמבער 2016<br>https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/5292.html |
| **תורה און וויסנשאפט** | „דער פתרון פון פרעה'ס חלום – און איינשטיין־אויפטרעף“ · **פונדעסטוועגדאך, הקטן, ממרום שלח אש, נולד מאוחר**<br>קאווע שטיבל · תורה און מחשבה · אשכול „דער פתרון פון פרעה'ס חלום, און איינשטיין אויפטרעף“ · 1טן דעצעמבער 2013<br>https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/5327.html |
| **אנשי שם • צו ו' טבת** | „פארוואס איז דער שינאווער רב געפארן קיין ארץ ישראל?“ · **אמת וצדק**<br>קאווע שטיבל · היסטאריע · אשכול „פארוואס איז דער שינאווער רב געפארן קיין א"י?“ · 4טן יאנואר 2021<br>https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/14409.html#p465117 |
| **הומאר • ראש חודש טבת** | „זאל איך בענטשן ראש חודש טבת?“ · **רחב רחב, איך אויך, berlbalaguleh, דריידל און אנדערע**<br>קאווע שטיבל · קאווע שטיבל · אשכול „זאל איך בענטשן ראש חודש טבת?“ · 18טן–21סטן דעצעמבער 2014<br>https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/7939.html |
| **היינט מיט 4 יאר צוריק** | „חומש רש"י כפשוטו“ · **berlbalaguleh** · קאווע שטיבל · תורה און מחשבה · 10טן דעצעמבער 2022<br>https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/15704.html |
| **היינט מיט 3 יאר צוריק** | „איז א דזשיראף כשר?“ · **מרדכי מרדכי** · קאווע שטיבל · קאווע שטיבל · 10טן דעצעמבער 2023<br>https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/16739.html |
| **יארצייטן פון דער וואך** | **כינר1** · היידפארק · חסידישע נייעס · „הילולא דצדקיא“ · 4טן יאנואר 2004<br>https://hydepark.sites.tab.bot/t/588466.html#p6209630 |
| **פערל פון די ארכיוון** | „„וטבוח טבח והכן“ – חנוכה אין פרשת מקץ“ · **גאלד** · קאווע שטיבל · „שיעורים אויף חנוכה“ · 2טן דעצעמבער 2013<br>https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/5292.html |
| **פערל פון די ארכיוון** | „א חלום וואס איז „נישט“ געשען“ · **ונבנתה העיר** · קאווע שטיבל · „שיעורים אויף חנוכה“ · 17טן דעצעמבער 2014<br>https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/5292.html |
| **פערל פון די ארכיוון** | „פארוואס איז פלאקס געווען טייער אין מצרים?“ · **קרעמער / cano** · היידפארק · „פרשת מקץ“ · 26סטן דעצעמבער 2005 – 2טן יאנואר 2006<br>https://hydepark.sites.tab.bot/t/1732592.html |
| **פערל פון די ארכיוון** | „„שלאף וויניגער““ · **ארשמח** · קאווע שטיבל · „חלומות שוא ידברו“ · 25סטן מערץ 2012<br>https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/249.html |
| **פערל פון די ארכיוון** | „אין ליכט פון די ליכט“ · **zaltzvaser** · זאלצוואסער · „אין ליכט פון די ליכט“ · 23סטן דעצעמבער 2014<br>https://zaltzvaser.sites.tab.bot/t/554.html |
| **די תגובה פון דער וואך** | **ברסלבער** · קאווע שטיבל · 18טן דעצעמבער 2014<br>https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/7939.html |

**אין דעם קומענדיגן נומער:** מאנטאג, דעם 14טן דעצעמבער – נומער 16; דאנערשטאג, דעם 17טן דעצעמבער – נומער 17, אויף פרשת ויגש.

„ארכיוו“ • אויסגעקליבן און מגיה געווען פון די אידישע פארומס און בלאגס • די ווערטער געהערן צו זייערע שרייבער.